# טראמפּ באגריסט אליאירטע אטאקע וואס האט פארניכטעט כעמישע וואפן איינריכטונגען אין סיריע

**ענגלאנד און פראנקרייך האבן זיך באטייליגט אין די באמבארדירונגען - אמעריקאנער טרופן וועלן נישט פארלאזן סיריע ביז מען עררייכט צילן**

פרייטאג צו נאכטס איז ענדליך דורכגעפירט געווארן די נקמה אטאקע אויף אסאד'ס קרעפטן אין סיריע, נאכדעם ווי די אסאד קרעפטן האבן געשאסן מיט כעמישע וואפן אויף א רעבעלן פעסטונג אין דומא, א וואך פריער, אפּריל 7.

עס איז געווען א שוידערליכע אטאקע וואס האט פאראורזאכט מינימום 75 טויטע און האט פארוואונדערט איבער 500 אנדערע, און כאטש סיריע און איר הויפּט שטיצער רוסלאנד האבן געלייקענט אז אסאד'ס קרעפטן האבן דאס געטאן, און האבן אפילו געשטעלט פראגעס צי עס איז בכלל געווען א כעמישע וואפן אטאקע, האט מען אבער אין לויף פון די וואך געפונען מערערע באווייזן אז עס איז יא געווען א כעמישע וואפן אטאקע, אריינגערעכענט איין קאנע פון די כעמישע גאזן וואס מ'האט געפונען גאנץ אומגעשעדיגט, אויפ'ן דאך פון א הויז.

יענע אטאקע האט אויפגעשטורעמט די ציוויליזירטע וועלט, און פּרעזידענט טראמפּ האט באלד געווארענט מיט מיסיל באמבארדירונגען. ער האט אבער אויסגעהערט די ראט פון זיינע פּאליטישע און מיליטערישע עקס־פּערטן, אז מ'זאל ענדערש צונויפ־שטעלן אן אינטערנאציאנאלע אקציע, און דאס איז איצט צושטאנד געקומען ווען מיסילס און באמבעס זענען געשאסן געווארן פון אמעריקע, ענגלאנד און פראנקרייך.

אלעס אינאיינעם האט מען געשאסן 105 מיסילס וואס האט חרוב געמאכט 3 פּלעצער, אריינגערעכענט א בונקער און וואפן מאגאזין נעבן די שטאט כאמס, ווי אויך א כעמישע וואפן פאבריק אין שינשאר, און דער הויפּט ציל איז געווען די באזע פארשונג איינריכטונג אין צפון דמשק וואס איז באשאסן געווארן מיט 76 מיסילס.

אין די ערשטע באריכטן, האט מען נאכנישט געהערט וויפיל פארלוסטן סיריע האט געליטן פון די באמבארדירונגען.

סיריע האט זיך אבער בארימט אז זי האט אראפגעשאסן 71 פון די אטאקירענדע מיסילס, א זאך וואס איז אפגעלאכט געווארן ווען דער אמעריקאנער גענעראל קענעט מעקענזי האט שב"ק צופרי געגעבן אן אויספירליכן באריכט איבער די 105 מיסילס וואס זענען געשאסן געווארן, באטאנענדיג אז דאס וועט זיין א נידערלאגע פאר סיריע אז עס וועט איר דויערן יארן צוריק אויפצולעבן איר כעמישע וואפן פראגראם צו דעם שטאפל וואו עס האט געהאט פאר די אטאקע.

ער האט קאטעגאריש דער־קלערט אז קיין איין אמעריקאנער מיסיל איז נישט געשעדיגט געווארן. נאר מער, סיריע האט אנגעהויבן שיסן אירע מיסילס ערשט נאכדעם ווי די אטאקע איז שוין געווען פאראיבער! (אויך רוסלאנד האט זיך בארימט אז מ'האט אראפגעקלאפּט אליאירטע מיסילס.)

דער גענעראל האט אויך איבערגעגעבן אז רוסלאנד האט ארויסגעשאסן 40 גרויסע מיסילס, אבער זיי זענען נישט געגאנגען מיט אן עלעקטראנישן ציל, אויב מ'שיסט אזעלכע מיסילס אן קאנטראל, וועט עס ערגעץ פאלן און פאראורזאכן פארלוסטן, ממילא אויב סיריע וועט שפּעטער זאגן אז עס איז געווען פארלוסטן, קען דאס גאנץ מעגליך זיין איר אייגענע שולד.

די אליאירטע האבן געשאסן די מיסילס פון סובמארינען, שיפן און אויך פון עראפּלאנען. אמעריקע האט גענוצט די מעכטיגע "בי-1" באמבארדירער, וואס כאטש מען האט נישט אידענטיפיצירט פון וואו זיי זענען אפּגעפלויגן, האט מען געהאט אנדייטונגען אז זיי זענען געפלויגן פון אן אמעריקאנער באזע אין קאטאר.

מ'האט גענומען די נקמה אקציעס כאטש רוסלאנד האט געסטראשעט אז זי וועט אראפּשיסן די "טאמאהאק" מיסילס. דער רוסישער פּרעזידענט פּוטין האט געווארענט איבער "קאנסעקווענצן", און האט ווייטער גע'טענה'ט אז עס איז נישטא קיין באווייזן אז אסאד



דער הימל אין דמשק האט אויפגעלויכטן פון די מיסילס וואס זענען געפלויגן העכער די הויפטשטאט



דער הויפט ציל איז געווען די פארשונג איינריכטונג אין צפון דמשק וואס איז באשאסן געווארן מיט 76 מיסילס

# די לופט אטאקע אויף סיריע:



איז געווען פאראנטווארטליך פאר א כעמישע וואפן אטאקע. פענטאגאן באאמטע האבן אבער דערקלערט מיט צופרידנהייט אז עס איז געווען א געלונגענע און ווירקזאמע אטאקע, די באמבעס זענען געפאלן אויפ'ן ציל, און זיי האבן אפילו פארעפענטליכט אינטערעסאנטע סאטעליט בילדער וואס ווייזן ווי אזוי עס האט אויסגעזען די שינשאר באזע פאר די אטאקע און ווי אזוי עס האט אויסגעזען נאכדעם ווי 22 מיסילס האבן געלאנדעט דארט. מ'זעט זייער קלאר ווי עס איז אפילו נישט געבליבן קיין ברוכווארג פון די 2 הויפט געביידעס אין די באזע.

פרעזידענט טראמפ האט גלייכצייטיג געווארענט דורכצופירן נאך אטאקעס אויף סיריע אויב אסאד וועט זיך טרויען נאכאמאל צו נוצן כעמישע וואפן. ער האט זיך נישט גענומען צום הארץ וואס פוטין האט פארדאמט די מיסיל אטאקע אלס אגרעסיע, ווארענענדיג אז דאס וועט פארערגערן דעם קאטאסטראפאלן מצב אין סיריע, און וועט שאטן פאר'ן גאנצן סיסטעם פון אינטערנאציאנאלע באציאונגען.

דער רוסישער פירער האט קריטיקירט אמעריקע און די אליאירטע לענדער פאר אטאקירן, פאר'ן הערן וואס די אינטערנאציאנאלע אינספעקטארס וועלן זאגן ביים באזוכן דומא, נאכדעם ווי פוטין האט באטאנט אז זיינע רוסישע מיליטערישע עקספערטן האבן נישט געפונען קיין שום שפורן פון אזא אטאקע. פוטין האט נאך אין לויף פון די וואך געווארענט אז אויב אמעריקע וועט באמבארדירן סיריע, וועט אמעריקע חרוב מאכן אלע מעגליכע באווייזן איבער כעמישע וואפן.

אזוי ווי א צאל פון די אומגעקומענע און פארוואונדעטע זענען געווען קליינע קינדער, האט מען שנעל פובליצירט דראמאטישע בילדער פון די קינדער, אריינגערעכנט ווי זיי פלאגן זיך צו כאפן דעם אטעם, וואס האט ווי פארשטענדליך אויפגעשוידערט די גאנצע ציוויליזירטע וועלט.

רוסלאנד האט איינגעגעבן א געזוך אין יו-ען זיכערהייט ראט שב"ק צו פארדאמען די באמבארדירונגען. בלויז כינע און באליוויע האבן געשטימט מיט רוסלאנד פאר די רעזאלוציע, ממילא איז די רעזאלוציע דורכגעפאלן. די אמעריקאנער אמבאסאדאר אין די יו-ען ניקי העילי האט אבער אויסגענוצט די דעבאטע ווי א געלעגנהייט עפענטליך צו ווארענען אסאד אז עס וועט קומען נאך באמבארדירונגען אויב ער וועט זיך נאכאמאל באנוצן מיט כעמישע וואפן.

אסאד אליין האלט אין איין לייקענען אז ער נוצט כעמישע וואפן. ער איז ערשינען זונטאג אויף די סיריער טעלעוויזיע מיט א געהויבענעם קאפ, מיט שטאלצקייט, ווי צו רייצן זיך מיט אמעריקע און מיט די גאנצע וועלט, אז ער איז אלץ פעסט ביי די מאכט, ווי איינער זאגט, אפילו אויב די באמבארדירונגען האבן חרוב געמאכט באזעס, אפילו אויב עס האט אומגעבראכט סאלדאטן, האט עס נישט באריערט אפילו איין האר פון אסאד'ס קאפ...




**פענטאגאן צייכענונג פון שיפן און עראפלאנען וואס האבן זיך באטייליגט אין די אטאקע פליענדיג פון מיטללענדישן ים. עס איז אנגעמערקט געווארן אז דאס ווייזט נישט אויף א גענויע צאל וויפיל סובמארינען, שיפן אדער עראפלאנען עס זענען געווען אין די אטאקע**

אסאד האט זונטאג אויפגענומען א דעלעגאציע פון רוסישע פארלאמענט דעפוטאטן, זייענדיג זייער גוט אויפגעלייגט. דאס איז אין איינקלאנג מיט די לאנג-טערמיניגע אראבישע סטראטעגיע, אז אויב זיי לעבן איבער א מלחמה אדער אן אטאקע, דארף מען זיי באטראכטן ווי די זיגער, ווייל די אנפאלגער האבן דאך נישט עררייכט זייער הויפט ציל. זיי האבן נישט געקענט פטור ווערן פון דעם שעדליכן פירער וועלכער וועט אין דער צוקונפט זיי נאכאמאל קענען טשעפען.

איצט האט אסאד געפייערט דעם זיג פון זיין מיליטער אין דעם ראיאן וואו ער האט אטאקירט מיט די כעמישע וואפן, אזוי ווי די רעבעלן האבן אויפצומארגענס נאך די אטאקע איינגעשטימט אויפצוגעבן; זיי האבן יא רחמנות געהאט אויף די אומשולדיגע ציווילע מענער, פרויען און קינדער...

די רוסן האבן צוגעשטעלט פארזיכערטע טראנספארטאציע אפצופירן די רעבעלן צו אן אנדערן שטח וואס איז נאך אונטער זייער קאנטראל אין צפון טייל פון לאנד, און אסאד האט זיך בארימט אז די שטאט איז ענדליך צוריק אונטער זיין קאנטראל, נאכ'ן זיין 6 יאר "אונטער די טעראריסטן", ווי ער באצייכנט אלע רעבעלן.

די אסאד פראפאגאנדע מאשין האט אויך "געמאכט א זיג" פאר אים פון די אטאקע, ארויסברענגענדיג אז עס האט געוויזן אז אמעריקע טרויט זיך נישט צו צילן אויף אסאד זעלבסט; אמעריקע האלט נישט ביים אונטערגראבן זיין רעזשים.

נאך א זאך, דער פענטאגאן האט מודה געווען אז אסאד איז נאך פארבליבן מיט עטליכע כעמישע וואפן פאבריקן, ווי אויך זאפאסן, ממילא, איז ער "נאך אלץ אין ביזנעס", האט דאך די טראמפ-אנגעפירטע אטאקע גארנישט אויפגעטאן!...




נאך די געלונגענע אטאקע, האט טראמפ געטוויט א באגריסונג נוצענדיג אויך דעם אויסדרוק "מיסיע ערלעדיגט!" וואס דאס פריערדיגע מאל ווען אן אמעריקאנער פרעזידענט האט עס גענוצט, האט עס אים שפעטער זייער שטארק געשאדט פאליטיש. דאס איז געווען אין '03, נאכדעם ווי אמעריקע האט אינוואדירט איראק, און נאך 5 וואכן איז פרעזידענט בוש צוגעפליגן צו אן אמעריקאנער קריגס שיף וואו ער האט באגריסט דאס אמעריקאנער מיליטער, און אונטער זיין רוקן איז געשטאנען אין גרויסע ווערטער: "מיסיע ערלעדיגט". א פאר יאר שפעטער ווען מ'האט געזען אז אמעריקע איז געבליבן פארפלאנטערט אין איראק, עס איז נישט געגאנגען אזוי ווי אמעריקע האט געוואלט, איז דער אויסדרוק "מיסיע ערלעדיגט" גענוצט געווארן מיט גרויס דערפאלג קעגן בוש און קעגן די רעפובליקאנער פאליטישאנס.

אין איצטיגן פאל, זעט אויס ווי דאס אמעריקאנער פאלק האט געשטיצט די טראמפ נקמה אקציעס, ווען זיין פאפולאריטעט איז פאריגע וואך געשטיגן צום זעלבן הויכן שטאפל וואו עס האט געהאלטן נאך 100 טעג פון זיין איינשווערונג.

וויצע פרעזידענט פענס האט אויך באגריסט די אטאקע וואס טראמפ האט פאראָרדענט אז עס איז געווען א פולשטענדיגער דערפאלג, דורכגעפירט מיט שנעלע פראפעסיאנאליזם, און האט אויך אנגעמערקט אז מ'האט נישט געהערט פון קיין ציווילע פארלוסטן.

פענס האט אויך געווארענט רוסלאנד: אונזער מעסעדזש צו רוסלאנד איז, "איר זענט אויף די נישט ריכטיגע זייט פון די היסטאריע". ער האט צוגעגעבן: עס איז שוין צייט פאר רוסלאנד צו כאפן דעם מעסעדזש וואס פרעזידענט טראמפ האט געגעבן נעכטן ביינאכט. "מ'קען דיך, לויט די חברותות וואס דו האסט".

לויט ווי מ'הערט האט דער פענטאגאן נישט געגעבן קיין קלארע ווארענונג פאר רוסלאנד פון פריער, כאטש דער אמעריקאנער אמבאסאדאר אין מאסקווע, דזשאן האנטסמאן, האט יא געזאגט אז מ'האט געהאט קאמוניקאציעס מיט רוסלאנד "צו רעדוצירן דעם געפאר פון רוסישע אדער ציווילע פארלוסטן". פון א פענטאגאן ווארטזאגער האט מען געהערט אז מ'האט גענוצט דעם מיליטערישען האטליין וואס מ'נוצט רוטין צו מינימיזירן די ריזיקע פון אמעריקאנער-רוסישע צוזאמענשטויסן אדער קאנפראנטאציעס אין די הימלען העכער סיריע, אבער מ'האט נישט געגעבן פאר רוסלאנד א ווארענונג פון פריער וואו אדער ווען די באמבארדירונגען וועלן פארקומען.

# ענגלאנד און פראנקרייך האבן זיך באטייליגט אין די באמבארדירונגען

דאס פריערדיגע מאל ווען פרעזידענט טראמפ האט באאויפטראגט א נקמה אקציע אויף אסאד נאכדעם ווי מ'האט אים געכאפט באנוצן כעמישע וואפן, איז דאס געווען אן אמעריקאנער אקציע. דאס מאל האט טראמפ באשלאסן צו ווארטן א פאר טעג ביז מ'וועט קענען ארגאניזירן א ברייטערע אקציע מיט די באטייליגונג פון אמעריקע'ס אליאירטע לענדער ענגלאנד און פראנקרייך, אוןביידע פירער, פרעזידענט עמאנואל מאקראן פון פראנקרייך און פרעמיער מיניסטער טערעסע מעי פון ענגלאנד האבן הנאה געהאט אז עס איז זיי אונטערגעקומען א געלעגענהייט צו באטייליגן זיך אין אזא אקציע וואס דארף זיין פאפולער אין זייערע לענדער, איבערהויפט ווען עס איז געקרוינט געווארן מיט אזא דערפאלג.

מ'קען זאגן אז ביידע, מעי און מאקראן, האבן מער געקוקט אויף זייערע אייגענע פאליטישע אינטערעסן אינדערהיים ווי אויף די ליידן פון די אומגליקליכע קרבנות אין סיריע, אבער אזוי גייט עס אין די פאליטישע וועלט. עס איז נישט אזוי וויכטיג די אייגענע זייטן חשבונות פון די פאליטישאנס ווי די אקציעס וואס זיי שטיצן אדער נעמען אונטער.

מעי האט זיך שארף ארויסגעשטעלט קעגן רוסלאנד צוליב די פארגיפטונג פון דעם געוועזענעם רוסישן שפיאן סערגאי סקריפאל און זיין טאכטער יוליא וועלכע זענען געווען אין ענגלאנד, און זענען נישט טעטיג געווען אין קיין שום שפיאנאזש אקטיוויטעטן. אויסערדעם וואס די 2 סקריפאלס זענען קריטיש פארוואונדעט געווארן, און עס איז ממש געווען אומגלויבליך אז זיי האבן איבערגעלעבט און האבן זיך ערהוילט פון די אטאקע, האט די אטאקע ארויסגעשטעלט הונדערטער איינוואוינער פון יענע געגענט מעגליך געשעדיגט צו ווערן אדער אפילו צו שטארבן פון דעם שטארק-שעדליכן נערוון כעמיקאל וואס די מערדער האבן גענוצט. צוליב דעם איז מעי געווען אונטער זייער א שטארקן דרוק צו נעמען פעסטע שריט קעגן רוסלאנד. זי האט טאקע באלד נאך די אטאקע באשולדיגט רוסלאנד, און האט זיך געטרויט צו געבן אן אולטימאטום פאר די רוסן וואס האט גאנץ זיכער היבש אויפגערעגט דעם רוסישן פרעזידענט פוטין, און מעי האט ארגאניזירט אן אקציע פון מערערע לענדער וואס האבן ארויסגעווארפן רוסישע שפיאנען וועלכע האבן זיך אויפגעהאלטן אין יענע לענדער אלס "דיפלאמאטן". רוסלאנד האט טאקע נקמה גענומען מיט ארויסווארפן די זעלבע צאל "דיפלאמאטן" שפיאנען, אבער דער מעסעדזש איז געווען גאנץ קלאר, אז מעי וועט זיך נישט לאזן טשעפען פון רוסלאנד.

עס איז אבער נישט געווען גענוג. דאס בריטישע פאלק האט ערווארט מער, מ'האט געוואלט שטארקער טשעפען די רוסן, און סיריע'ס פרעזידענט אסאד האט צוגעשטעלט "א מתנה אויף א גאלדענעם טעצל" פאר מעי ווען ער האט דורכגעפירט די כעמישע וואפן אטאקע, ווייל איצט האט ענגלאנד זיך געקענט באטייליגן מיט א ממשות'דיגע אטאקע, מיט מיליטערישע אקציעס קעגן אסאד'ס קרעפטן, וואס דאס איז אויך געווען ווי שפייען אין פנים פאר פוטין, צו ווייזן אז מ'האט נישט קיין מורא פון אים און פון זיינע טענות און אפילו באהאלטענע דראאונגען. יעדער ווייסט אז



א בריטישער קאמפס עראפלאן ביים לאנדן אין אקראטירי, די מיליטערישע באזע אין ציפערן

די רוסן האלטן אונטער דעם אסאד רעזשים, און ווען מ'אטאקירט אסאד באזעס שטעלט עס אויך אין געפאר די רוסישע מיליטערישע "ראטגעבער" וואס געפינען זיך דארט, האט מעי געוויזן אז זי האט נישט מורא פון דעם.

עס איז שוין געווען אן אטאקע, לעצטענס, וואו א גרויסע צאל רוסישע קעמפער זענען אומגעקומען. דאס איז אבער נישט באטראכט געווען ווי אן אטאקע אויף רוסלאנד אדער אויף פוטין, ווייל יענע רוסישע קעמפער זענען אייגענטליך געווען אין סיריע אויף די אייגענע הענט, ווי געדונגענע סאלדאטן. פונדעסטוועגן איז די איצטיגע באמבארדירונג אויף סיריע אין א געוויסן זין אויך געווען אן אומדירעקטע אטאקע אויף רוסלאנד און אויף פוטין, און מעי קען איצט גיין מיט א געהויבענעם קאפ אין לאנדאן אז זי האט "געוויזן פאר פוטין" אז ענגלאנד האט נישט קיין מורא פון אים.

מעי האט שב"ק באצייכנט די באמבארדירונג אין סיריע ווי "רעכט און לעגאל", און האט אויך געמאכט פארגלייכן מיט די סקריפאלס פארגיפטונג, וואס דאס איז געווען דער ערשטער באנוץ פון כעמישע וואפן אין אייראפע זינט די צווייטע וועלט מלחמה.

עס האט אויך גוט געפשילט פאר מעי אז דער פארלאמענט איז געווען אויף אורלויב. זי מוז זיך נישט לעגאל באראטן מיט'ן פארלאמענט, אבער אויב די דעפוטאטן וואלטן געווען אין לאנדאן, וואלט זי פיליכט געשפירט אז זי מוז דאס יא אויפברענגען אין פארלאמענט, און זי וואלט געקענט פארלירן די אפשטימונג. אזוי ווי דער פארלאמענט איז געווען אויף אורלויב, האט מעי געקענט גאנץ רואיג פאסן דעם באשלוס און ענגלאנד האט זיך אקטיוו באטייליגט אין די אקציע.

אנקעטעס האבן געוויזן אז דאס פאלק שטיצט נישט אזוי ענטוזיאסטיש נקמה באמבארדירונגען אויף סיריע, האט מעי גענומען א פאליטישע ריזיקע, און זי איז טאקע קריטיקירט געווארן דורך דזשערעמי קארבין, דער פירער פון די אפאזיציע ארבייטער פארטיי, וועלכער האט גע'טענה'ט אז "באמבעס ראטעווען נישט קיין לעבענס און ברענגען נישט קיין שלום".

דער הויפט מיניסטער פון סקאטלאנד (ענגלאנד באשטייט פון 3 אינזלען: וועילס, סקאטלאנד, און צפון אירלאנד) האט באשולדיגט מעי פארוואס זי האט נישט געזוכט קיין באשטעטיגונגען אין פארלאמענט, אבער פון די אנדערע זייט איז מען אין ענגלאנד געווען אביסל באזארגט ווען מ'האט געזען ווי אזוי דער נייער פראנצויזישער פרעזידענט מאקראן קניפט אן נאענטע ווארעמע באציאונגען מיט טראמפ, אין דער צייט וואס די בריטישע באציאונגען מיט טראמפ'ס ווייסן הויז איז געווארן אביסל מער קאמפליצירט און אפילו אנגעצויגן. אין זיין באגריסונג טוויט, האט טראמפ אויסגערעכנט פראנקרייך פאר ענגלאנד, אויב אזוי, האט מעי נישט געהאט צופיל ברירות, נאר האט געמוזט ווערן אן אקטיווע שותף אין די באמבארדירונגען אויף סיריע.

עס איז אויך וויכטיג געווען פאר ענגלאנד צו ווייזן א הכרת הטוב פאר אמעריקע איבער די שטארקע שטיצע וואס זי האט באקומען נאך די סקריפאלס פארגיפטונג.

ווען פרעזידענט טראמפ האט געמאלדן די באמבארדירונגען דורך זיינע פערזענליכע טוויטער מעסעדזשעס, איז דאס געווען ווי א פערזענליכע אויפפאדערונג פון אים, זיין אייגענער פרעסטיזש איז געווען אויפ'ן טיש, האט מעי שטארק פארדינט פערזענליך פאר זיך און בכלל פאר ענגלאנד, אז זי איז געווען אן ערשטע שטיצער פון טראמפ.

עס האט אויך געוויסן פאר טראמפ אז ענגלאנד טראגט א ווערד אלס אן אליאירט לאנד נאכדעם ווי איר באשלוס ארויסצוגיין פון אייראפעאישער פאראיין, האט געווארפן א שאטן אויף איר אינטערנאציאנאלען איינפלוס.

# די לופט אטאקע אויף סיריע:

נאך א גאר וויכטיגער פונקט איז, אז גוט לעבן מיט טראמפ קען בלויז גוט קומען פאר ענגלאנד ביי פארהאנדלען מיט אמעריקע איבער מער ביזנעס.

טראמפ אליין האט טאקע ארויסגעשיקט א טוויט אין וואס ער האט באדאנקט פראנקרייך און ענגלאנד פאר "זייער פקחות און די מאכט פון זייער פיינעם מיליטער".

אין פראנקרייך, איז מאקראן קריטיקירט געווארן פון עקסטרעם רעכטע און אויך פון עקסטרעם לינקע עלעמענטן, פאר באטייליגן זיך אין די אטאקעס אויף סיריע. דער פירער פון די לינקע פארטיי - וואס פון אים איז געווען צו ערווארטן נאכצופאלגן די רוסלאנד ליניע - האט באשולדיגט אז מאקראן האט אטאקירט סיריע אן א יו-ען מאנדאט און אויך אן איבערווייזן אז מ'האט טאקע גענוצט כעמישע וואפן. עס איז אויך נישט דורכגעגאנגען אן אפשטימונג אין פראנצויזישן פארלאמענט אדער א באשטעטיגונג פון אייראפעאישן פאראיין. דאס איז געווען אן אמעריקאנער נקמה אקציע, אן אומפאראנטווארטליכע פארגרעסערונג פון די קריג, האט ער גע'טענה'ט קעגן מאקראן.

ביי די רעכטע עקסטרעמיסטן, האט מארין לעפען, די פירער פון דעם "נאציאנאלן פראנט", זיך באקלאגט אז פראנקרייך האט פארלוירן א געלעגענהייט צו ערשיינען אויף די אינטערנאציאנאלע מאפע "ווי א זעלבסטשטענדיגע מאכט". איר געהילף פירער האט אפילו אפגעשפעט אז מאקראן איז געווען א משרת פון אמעריקע...

מאקראן האט געהאט פארשפראכן צו באשטראפן סיריע פאר נוצן כעמישע וואפן, האט ער איצט געהאט א געלעגענהייט צו ווייזן אז ווען ער ווארענט, זאל מען דאס זייער ערנסט אויפנעמען. ער "מיינט עס ערנסט".

ער האט אויפגעקלערט אין א סטעיטמענט אז סיריע האט פולשטענדיג פארלעצט די אינטערנאציאנאלע געזעצן און די יו-ען זיכערהייט ראט רעזאלוציעס ביים נוצן כעמישע וואפן. עס איז קיין צווייפל אין די פאקטן, האט מאקראן געזאגט. "דער רויטער שטריך וואס פראנקרייך האט אנגעצייכנט אין מאי, 17', איז מען אריבערגעגאנגען", האט ער שארף באשולדיגט.

די אטאקע און די פארבערייטונגען דערצו האט אויך געגעבן א געלעגענהייט פאר מאקראן צו באפעסטיגן זיין פאזיציע אלס א פארמיטלער צווישן רוסלאנד און אמעריקע און דעם אייראפעאישן פאראיין. אפילו געציילטע שעה'ן פאר די אטאקע האט זיך אנגעהויבן, האט נאך מאקראן קאנפערירט טעלעפאניש מיט פוטין איבער סיריע, און מאקראן האט נאך אלץ אין פלאן צו פארן קיין רוסלאנד אויף אן אפיציעלן באזוך ענדע מאי.

אין די זעלבע צייט וויל ער אבער באפעסטיגן פראנקרייכ'ס פאזיציע אלס עמיצער וואס שטייט אויף דער וואך אויסצופאלגן אינטערנאציאנאלע אפמאכן, וואס אין דעם איז אריינגערעכנט דער פארבאט אויף נוצן כעמישע וואפן וואס 192 לענדער האבן אונטערגעשריבן.

אין 13', ווען מ'האט פארדעכטיגט אז אסאד נוצט כעמישע וואפן, האבן ביידע דעמאלט'דיגער פירער פון ענגלאנד פון פראנקרייך, דעיוויד קאמעראן און פראנסוא אולאן, באשולדיגט אז אסאד איז אריבערגעגאנגען דעם רויטן שטריך. קאמעראן האט אבער נישט באקומען קיין באשטעיגונג פון פארלאמענט צו אטאקירן סיריע, און אולאן האט אויך צוריקגעצויגן ווען עס איז קלאר געווארן אז אמעריקע'ס פרעזידענט אבאמא האט אנגעהויבן צווייפלען איבער באמבארדירן סיריע, סיי צוליב די מורא אז ער וועט אריינגעצויגן ווערן אין א גרעסערע מלחמה, און אויך ווייל עס איז געווען שטארקע קריטיק פון די רעפובליקאנער (און טראמפ איז געווען א הויפט קריטיקירער...) קעגן כאטש וועלכע מלחמה אקציעס אין סיריע.

איצט איז שוין לייכטער געווען פאר די פירער פון פראנקרייך און ענגלאנד זיך אנצושליסן אין די מיסיל אטאקעס, ווייל עס איז נישט געווען קיין רעדע פון א גרעסערן מיליטערישען קאמפיין, אדער א ציל פטור צו ווערן פון אסאד, און מ'האט געמאכט פארזיכטיגע חשבונות, וואס דאס האט אויך בייגעשטייערט אז עס האט זיך פארשלעפט עטליכע טעג צו פארמיידן באמבארדירן באזעס וואס מ'האט געוואוסט אז עס געפינען זיך דארט רוסישע אדער איראנער סאלדאטן.

דער גענעראל סעקרעטאר פון "נאטא" זשענס שטאלטענבערג, האט נאך די באמבארדירונגען ארויסגעדריקט א דאנק פאר די אטאקע פון די 3 מיטגלידער לענדער, ווייל דאס וועט רעדוצירן דעם אסאד'ס רעזשים מעגליכקייטן ווייטער צו אטאקירן דאס סיריער פאלק מיט כעמישע וואפן. ער האט באטאנט אז נאטא באטראכט דעם באנוץ פון כעמישע וואפן ווי א געפאר פאר די אינטערנאציאנאלע שלום און זיכערהייט.

## אמעריקאנער טרופן וועלן נישט פארלאזן סיריע ביז מען ערייכט צילן

נאך די גרויסע באמבארדירונגען וואס זענען דורכגעפירט געווארן אויף אסאד'ס באזעס אין סיריע, איז אויפסניי אויפגעקומען די פראגע וואס עס איז אמעריקע'ס מייסטער פלאן, וואס איז די אמעריקאנער פאליסי איבער סיריע?

א סאך פון די "טראמפ באזע" זענען גראדע אומצופרידן געווען פון די איצטיגע באמבארדירונגען, ווייל איינע פון די סיבות פארוואס זיי האבן געשטיצט טראמפ פאר פרעזידענט איז געווען זיין קאמפיין אז אמעריקע טאר נישט טעטיג זיין מיליטעריש אין אויסלאנד. אויב אזוי, וואס איז די אמעריקאנער פאליסי איבער סיריע?

די אמעריקאנער אמבאסאדאר צו די יו-ען ניקי העילי, האט אדרעסירט די פראגע ביי א "פאקס נייעס" אויפטריט זונטאג, וואו זי האט אויסגערעכנט 3 צילן פאר אמעריקע, וואס ווי לאנג דאס וועט עררייכט ווערן וועט אמעריקע אנהאלטן א מיליטערישע אנוועזנהייט אין סיריע. זיי זענען:

- פארזיכערן אז מ'נוצט נישט כעמישע וואפן אין קיין שום וועג וואס שאפט א ריזיקע פאר אמעריקאנער אינטערעסן;

- אז אייסיס זאל באזיגט זיין;

- אז עס זאל זיין א גוטער פונקט פון וואו מ'זאל קענען אויפפאסן וואס איראן טוט.

העילי האט באטאנט אז עס איז "אונזער ציל צו זען אז די אמעריקאנער טרופן קומען אהיים, אבער מיר וועלן נישט פארלאזן (סיריע) ביז מיר ווייסן אז מיר האבן עררייכט די דאזיגע זאכן".

פרעזידענט טראמפ אליין האט ביז איצט געשיקט געמישטע סיגנאלן איבער סיריע, און טראמפ קריטיקירער באשולדיגן, אז דאס האט בייגעשטייערט צו דעם דארטיגן מצב, אז רוסלאנד קען זיך שפירן מעשה באלעבאס, און אסאד האט נישט קיין מורא צו נוצן כעמישע וואפן אין זיינע פארזוכן פטור צו ווערן פון די לעצטע פארבליבענע רעבעלן פעסטונגען אין זיין לאנד.

ווען מ'רעדט איבער סיריע, האט טראמפ קלאר געמאכט אז ער וויל אהיימברענגען די פארבליבענע 2,000 אמעריקאנער טרופן וואס זענען טעטיג געווען אין דעם אנטי-אייסיס קאמפיין. עס האט אבער אויסגעזען ווי א סתירה ווען טראמפ האט שב"ק געזאגט אז די מערב אליאירטע לענדער זענען גרייט "אנצוהאלטן" די מיליטערישע רעאקציע אויב אסאד הערט נישט אויף נוצן פארבאטענע כעמישע וואפן.

אויף דעם ארויף האט העילי פרובירט אביסל אויסצוקלארן דעם מצב, אז עס איז יא דא עפעס צילן וואס אמעריקע וויל עררייכן אין סיריע, אבער אויב מ'קוקט אויפ'ן 3'טן פונקט, נעמליך אמעריקע וויל קענען האלטן אן אויג אויף איראן, פארבלייבט מען ביי די ערשטע קשיא וואס בלייבן אומפארענטפערט: ווי לאנג וועט דאס אמעריקאנער מיליטער בלייבן אין סיריע?

ווען מ'האט געפרעגט העילי איבער די אמעריקאנער באציאונגען מיט רוסלאנד, האט זי אויפריכטיג געזאגט אז די באציאונגען זענען איצט זייער אנגעשטרענגט, אבער אמעריקע האפט נאך אלץ פאר בעסערע באציאונגען.



**סיריער סאלדאט כאפט היסטארישע בילדער פון דעם אמאליגן פארשונג צענטער הויפטקווארטיר אין דמשק וואס איז פארניכטעט געווארן דורך 76 מיסילס.** (מיר שרייבן "היסטאריש", ווייל מיר זענען נישט זיכער צי דער סאלדאט איז נישט פאטאל באשטראפט געווארן פאר כאפן אזעלכע בילדער.)